בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

435

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דַיין בַּעַל הַבַּיִת ווִיל נִישְׁט זָאלְסְט הָאבְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן ........................ א

מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַייךְ פַּארְפִּירְט ........................ ב

צֶעבְּרֶעךְ דִי סְמַארְטְפָאוֹן אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ ........................ ד

מַאכְט אַ נַחַת פַאר אַייֶער טַאטֶע מַאמֶע ........................ ה

בְּלַייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ כָּשֵׁר'ע טֶעלֶעפָאן ........................ ו

הִיטְן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוּן זִיךְ הִיטְן פוּן לֵיצָנוּת ........................ ז

שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם ........................ י

צוּרִיק מַאכְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶער שֶׁענֶער פוּן אַמָאל ........................ יב

בַּאצָאלְן דִי בֶּעט אִין אוּמַאן ........................ יג

קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען ........................ יד

אַלֶעס גֵייט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה ........................ טו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן ........................ טז

אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הֶערְן נִגּוּנִים פוּן פְרַייֶע זִינְגֶערְס ........................ יח

לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן גְמִילוּת חֲסָדִים ........................ יח

שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ יט

נָאכְן דַאנְקֶען, זָאלְן עֶנְק וַוייטֶער דַאנְקֶען ........................ כ

יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זַיין אַ שַׁמָּשׁ ........................ כ

בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְלֵיישׁ ........................ כא

זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא ........................ כב

רֶעגִיסְטְרִירְן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער צוּ קֶענֶען גֵיין וֶועלְן ........................ כג

מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אָן קַיין אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת..........................כד
אִיבֶּערְזָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט סַבְלָנוּת..........................כה
אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אוּן אִיךְ בִּין דִיךְ נִישְׁט מְרַחֵק..........................כו
דִי יְסוֹד פוּן זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז 'שִׂמְחָה'..........................כז
אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זָאלְן זִיךְ פִירְן רִיכְטִיג..........................כח
זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא, אִיז אַן אַחֲרָיוּת..........................כט
נִישְׁטָא קֵיין פֶּערְצוּפַאל..........................ל
אַ מְנַהֵל דַארְף הָאבְּן אַחֲרָיוּת אוֹיף אַלֶעס אָרוּם דִי חֵדֶר..........................לא
זֶע צוּ עֶסְן לָאקְשְׁן..........................לב
וַוארְף אַוֶועק דִי שְׁמוּצִיגֶע טֶעלֶעפָאן..........................לג
דַיינֶע עִיקָר תְּפִילוֹת זָאלְן זַיין אוֹיף זַיין פְּרֵיילִיךְ..........................לה

# איש אֱמוּנוֹת

**דַיין בַּעַל הַבַּיִת וויל נִישְׁט זָאלְסְט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י״ח אִיָּיר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דַיין סְמַארְטְפָאוֹן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִים, עֶר הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט לִיבּ; עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז דוּ קֶענְסְט שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין בַּיי אִים אָנֶעם טֶעלֶעפָאן.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, ווַארְף אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן, צֶעבְּרֶעךְ עֶס אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ, טוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג ״לַ״ג בָּעֹמֶר״. יֶעצְט אִיז דָאס טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן פַאר דִיר, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין צְוֵויי דְרַיי יָאר אוּן דַיין לֶעבְּן וֶועט זַיין אַסַאךְ שֶׁענֶער אָן דֶעם, דַיין שִׂמְחַת הַחַיִּים, דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם; אַלֶעס וֶועט זַיין אַסַאךְ שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, נָאר אֵיין אִינְטֶערֶעס, נָאר דוּ, דַיין ווַייבּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת, דָאס אִיז מַיין אִינְטֶערֶעס. טוּ עֶס פַאר דִיר אַלֵיין, טוּ עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צֶעבְּרֶעךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ מֵיין עֶס מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ.

...

## מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַייךְ פַארְפִירְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלֶע טַעֲנוֹת וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דִיךְ אָפְּגֶענַארְט בִּיז אַהֶער; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאסְט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעזֶען וְכוּ', אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם קוּק ווִי דוּ שְׁטֵייסְט, הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, הָאסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הָאסְט נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי וואוּיל אוּן טַייעֶר, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן אַז בִּיז אַהֶער הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְט - אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ יֶעצְט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דַיין טָאכְטֶערְ'ס כִּתָּה אוּן צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט נָאךְ אַ כִּתָּה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וֶוערְן אָנְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט? אִיךְ הָאבּ דֶען אַ נְגִיעָה דִיר צוּ מַאכְן שְׁלֶעכְט? אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ פוּן אַלֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס נִישְׁט צוּ מַאכְן אַזוֹי, אוּן אַז מֶען הָאט יָא צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט - וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר?

דָאס אַז דַיין טָאכְטֶער ווִיל נִישְׁט, אוּן זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - דָאס קֶענְסְטוּ אַלֵיינְס מִיט דַיין וַוייבּ פַארְרֶעכְטְן, קִינְדֶער זִינְגֶען דִי נִיגוּנִים וָואס זֵיי הֶערְן אִין שְׁטוּבּ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ז): "כְּאִמָּהּ, בִּתָּהּ", דִי זֶעלְבֶּע נִיגוּן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זִינְגֶען - זִינְגֶען דִי קִינְדֶער, "שׁוּתָא דְּיָנוּקָא בְּשׁוּקָא, אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ" (סוּכָּה נו:), דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס קִינְדֶער רֶעדְן - אִיז אָדֶער פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; אַז דוּ וֶועסְט אִיר מְחַנֵּךְ זַיין זִי זָאל זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן זִיךְ חַבֶר'ן מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן - וֶועט זִי זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ מִיר נִישְׁט שְׁוֶוערֶער מַיין אַרְבֶּעט, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן; זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל קוּקְן ווִי שֵׁיין מֶען הָאט גֶעמַאכְט בִּיז אַהֶער אוּן עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער.

אוּנְזֶער שִׁיטָה אִיז אַז מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן לֶערְנֶען נָאר: 'אֱמוּנָה', 'יִרְאַת שָׁמַיִם' אוּן 'גוּטֶע מִידּוֹת'; דָאס אִיז בֵּית פֵיגָא, אוּן דָאס קֶען מֶען לֶערְנֶען מִיט

אַלֶע אִינְאֵיינֶעם, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּאזוּנְדֶערֶע טִיטְשֶׁערְס פַאר יֶעדֶע יָארְגַאנְג; וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי סְקוּל הָאבְּן מִיר לְכַתְּחִילָה גֶעלֵייגְט אַלֶע כִּיתּוֹת אִינְאֵיינֶעם, נָאר מִיט דִי צַייט, אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַסַאךְ קִינְדֶער - הָאבְּן מִיר אָפְּגֶעטֵיילְט דִי כִּיתּוֹת לוֹיט דִי יָארְגֶענְג, אָבֶער נִישְׁט אַז עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן צוּ לֶערְנֶען יוּנְגֶערֶע מִיט עֶלְטֶערֶע, אוּן נִישְׁט אַז עֶפֶּעס וֶועט פֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער.

יָארְן צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען אִין דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְגֶע סְקוּל פִּינְקְט אַזַא מַעֲשֶׂה, (פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי דַיינֶע חֲבֵרִים, דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט קִינְדֶער אִין יֶענֶע כִּתָּה); אִיךְ הָאבּ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט צְוֵויי כִּיתּוֹת, אוּן וָואס מֶען הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן ווִיל אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין הַארְץ, אִיךְ זָאל אַלֶעמֶען פַארְגֶעבְּן, עֶס זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט שָׁאטְן; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אוּן מִיךְ גֶעסְטְרַאשֶׁעט, עַד כְּדֵי כַּךְ, אַז גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אַוֶועק פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ ווִיל נָאר טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אִיךְ ווִיל קֵיינֶעם נִישְׁט מַאכְן שְׁלֶעכְט"; פְּרֶעג דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע נַחַת זֵיי הָאבְּן פוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי צַאמְגֶעשְׁטֶעלְטֶע כִּיתּוֹת.

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט אִין צַאמְגֶעשְׁטֶעלְטֶע כִּיתּוֹת, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פִירְן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער, אוּן אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ אוֹיךְ זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן דִי שֵׁיינֶע נַחַת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אוֹיב דִי חֶשְׁבּוֹן קוּמְט אוֹיס אַז דוּ וֶוערְסְט דָא פַארְפִירְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן אוּן פַארְפִירְן חַס וְשָׁלוֹם. דָאס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען

זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מֶען קֶען זַיין אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב און זִיךְ פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד און מֶען נַארְט זִיךְ; מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳; זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: ׳וָואס בַּאקוּם אִיךְ אִין הַאנְט?׳ און אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז אַהֶער - זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס מִיר טוּעֶן, און אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן - וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין פַארְדִינֶען.

נָאכְאַמָאל, אַז דוּ ווִילְסְט דַיין טָאכְטֶער זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ - הָאט דָאס נָאר מִיט דִיר און מִיט דַיין וַוייבּ; עֶנְק זָאלְן אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ און זִיךְ פִירְן רִיכְטִיג, אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְן גוּטֶע מִידוֹת; נִישְׁט וֵויי טוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַ יָאר אַרוֹיף אָדֶער אַ יָאר אַרָאפּ, און זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְן אוֹיךְ קִינְדֶער, און אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן און זַאכְן וָואס זֵיי ווִילְן, און מִיר דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס דִי לֶעבְן אִיז, זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִיךְ זִיס מַאכְן.

קֶענְסְט מַאכְן קַאפִּיס פוּן דֶעם בְּרִיוו און דָאס וַוייזְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס רוּפְן דַיין וַוייבּ וְכוּ׳, זֵיי מְחַזֵּק זַיין זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן דִי חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ זֵיי וֶוערְן פַארְפִירְט, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ צוּ לָאזְן פַארְפִירְן, אָבֶּער אַז דִי חֶשְׁבּוֹן קוּמְט אַרוֹיס אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי׳ן וָואס מֶען בַּאקוּמְט - זָאל מֶען וַוייטֶער גֶעטְרוֹיעֶן דִי מוֹסָד.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צֶעבְּרֶעךְ דִי סְמַארְטְפָאוֹן אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י״ח אִיָּיר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְ׳סַאטְמֶער, אִיךְ הָאבּ דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, פַאר עֶנְק סְפֶּעצִיעֶל. סַיי דוּ און סַיי דַיין וַוייבּ הָאבְן גֶעלֶערְנְט

בַּיי מִיר, עֶנְק זֶענֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶנְק זֶענֶען אַזוֹי בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר וְוִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן עֶנְק זָאלְן נִישְׁט פַּארְפַאלְן גֵיין דוּרְךְ דִי קְלִיפָּה פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוֹן. אִיךְ וֶויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן תְּמִימוּת, דוּרְכְן סְמַארְטְפָאוֹן.

וַוארְף אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן, צֶעבְּרֶעךְ עֶס אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ, זַיי מַקְרִיב אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּ עֶס פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת; אִיךְ הָאבּ עֶנְק חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ עֶנְק נָאר גֶעהָאלְפְן, אוּן וָואס בֶּעט אִיךְ שׁוֹין? וָואס בֶּעט אִיךְ דֶען? "מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה" (דְּבָרִים י, יב), נָאר דָאס, הַאלְטְן דִי לֶעבְּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק אוּן אוֹיף מִיר, מַיין הַארְץ אִיז מִיר צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים...

...

## מַאכְט אַ נַחַת פַאר אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוֹיךְ אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט אוּן טֵייעֶר, אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס אַ תְּפִלָּה אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

טֵייעֶרֶע ... תְּחִיֶ', מַאכְט אַ נַחַת פַּאר אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ; אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ טַאטֶע מַאמֶע בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס; בְּלַייבְּט אִין דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטְס.

שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו.

...

## בְּלַייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּט'ֶע כָּשֶׁר'ֶע טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן לַ"ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מִיר הָאבְּן גֶעצִינְדְן דִי הַדְלָקָה לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אֲפִילוּ מֶען מַאכְט זִיכֶער אַז דִי טֶעלֶעפָאן זָאל זַיין מִיט אַ פִילְטֶער - דַארְפְן מִיר טְרַאכְטְן פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, וָואס וֶועט זַיין מִיט זֵיי? אוּן אַז קַיין אֵיין רָב; נִישְׁטָא קַיין רָב בְּיִשְׂרָאֵל - מֶען רֶעדְט פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים - וָואס זָאל זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

לַ"ג בָּעֹמֶר פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, דִי הַארְץ הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט דָארְט, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען בְּמַחְשָׁבָה אַז אִיךְ דַארְף רֶעדְן צוּ דִי אִינְגֶעלַייט אוּן צוּ דִי וַוייבְּלֶעךְ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּט'ֶע כָּשֶׁר'ֶע טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס אִיז דִיר ווִיכְטִיגֶער, דִי בַּאקֶוועמְלִיכְקֵייט פוּן דִי טֶעלֶעפָאן אָדֶער דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן;

אויף מִיט אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ?

אויף זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אֲפִילוּ דִיר קוּמְט אוֹיס יָא צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֶעכֶענֶען אויף מִיט מִיר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן, עֶס מַאכְט מִיר שָׁאדְן; מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת זֶעעֶן אַז מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, מֶען דַארְף נִישְׁט פָאלְגְן רַבָּנִים, עֶס נֶעמְט אַוֶועק זֵייעֶר תְּמִימוּת.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם און רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הִיטְן אויף דִי אוֹיגְן, און זִיךְ הִיטְן פוּן לֵיצָנוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר בִּישִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַׁת עֵינַיִם, פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן. וַוייל יֶעצְט וֶועט מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זוּמֶער טֶעג דַארְף מֶען אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, וַוייל אִין דִי אוֹיגְן אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי אוֹיגְן, און חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - רַייסְט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּמְט צוּ צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; וֵויי און בִּיטֶער אִיז אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּק קְלִיפּוֹת און מַזִּיקִים וָואס טוּעֶן זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אויף דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז זִיךְ נוֹקֵם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:): "מַלְאַךְ הַמָּוֶת כֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעפִילְט מִיט אוֹיגְן; וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִפְטָר וֶוערְן,

קוּמְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת, עֶר צִיט זִיךְ אוֹיס פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל אוּן עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אוֹיגְן, פוּל מִיט אוֹיגְלֶעךְ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אִים וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פוּן דֶעם שְׁטַארְבְּט מֶען; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם זַיין רֶבִּי'ן, דֶער גָּאוֹן וְקָדוֹשׁ רֶבִּי נָתָן אַדְלֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (חֲתַם סוֹפֵר בְּרֵאשִׁית, הַקְדָּמָה) אַז דִי טוֹיזְנְטֶער אוֹיגְלֶעךְ - דָאס זֶענֶען פוּן דִי אַלֶע הִסְתַּכְּלִיּוֹת אֲסוּרוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דִי אַלֶע אוֹיגְן נֶעמְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַרְגְ'עט אִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר וָואס מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס: "וִישֵׁזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִישָׁא, וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת, וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנֹּם", הִיט אוּנְז פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, אוּן פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, אוּן פוּן גֵיהִנוֹם; אַז דָאס גֵייט אִינְאֵיינֶעם, אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין 'עֵינָא בִישָׁא', מִיר וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן - וֶועלְן מִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם שְׁוֶוערְד פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, אוּן מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנוֹם.

זֶע אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן דִי בָּחוּרִים דִי מִדָּה פוּן לֵיצָנוּת, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים דִי מִדָּה פוּן לֵיצָנוּת; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סַיי אִין גַאס, סַיי אִין אַ טֶעלֶעפָאן, אִין קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה - פַאלְט אַוֶועק דִי תְּמִימוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ט:): "שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו", שִׁמְשׁוֹן אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זַיינֶע אוֹיגְן, "לְפִיכָךְ נִקְּרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו", זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן אִים אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן דִי אוֹיגְן, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה; דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים, דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת, אוּן זֵיי רַייסְן אוֹיס דִי אוֹיגְן פוּן זֶען אֱלֹקוּת, פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי פְּלִשְׁתִּים דָאס זֶענֶען דִי לֵצִים, מִיט לֵיצָנוּת וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אוֹיגְן, מֶען זֶעט מֶער נִישְׁט אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מב.), עֶס אִיז דָא פִיר כִּיתּוֹת וָואס זֶענֶען: "אֵין מְקַבְּלִים פְּנֵי שְׁכִינָה", אֵיינֶע פוּן דִי כִּיתּוֹת אִיז דִי כַּת לֵצִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל, סוֹטָה מב.), אַז דִי פִיר כִּיתּוֹת

זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן, אוּן דִי כַּת לֵצִים אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם אֲצִילוּת, וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן עוֹלָם אֲצִילוּת - קוּמְט לֵיצָנוּת אוּן פַארְלֶעשְׁט עֶס, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, מֶען פַארְלִירְט עֶס; אוּן דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פְּרִישׁ דִיךְ אוֹיף, צוּזַאמֶען מִיט דִי גְרָאז אוּן בְּלֶעטֶעלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י״ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט אִין יְשִׁיבָה מִיט וָואס מֶען דַארְף הֶעלְפְן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן סַיי אִין יְשִׁיבָה, סַיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, סְפֶּעצִיעֶל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס יְשִׁיבָה אוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, דִי זְכוּת אִיז גָאר גְרוֹיס.

שְׁטַארְק זִיךְ, יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, וַוייל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה טוּט זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן, אַלֶע בֵּיימֶער, אַלֶע גְרָאזְן הֵייבְּן אָן צוּ שְׁפְּרָאצְן; נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ ווינְטֶער טוֹיט, נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ ווינְטֶער טְרוּקְן - הֵייבְּן אַלֶע אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן שֵׁיינֶע פְּרוּכְט אוּן שֵׁיינֶע בְּלֶעטְלֶעךְ; אִיז דָאס אַ צַייט פַאר אוּנְז אַלֶע זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע זְמַן, פוּן דִי ווינְטֶער זְמַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, וַוייל דָאס צוּרִיק קוּקְן לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַזוֹי ווִי אַלֶע בֵּיימֶער אוּן אַלֶע פֶעלְדֶער הֵייבְּן אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ וַואקְסְן,

צוּ שְׁפְּרָאצְן, אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע פְּרוּכְט אוּן דִי שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ - אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט אַ פֶעלְד - זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג), ווִי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן הֶערְן ווִי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אַ נִיגוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין פְּנִיּוֹת, אָן קַיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי; אוּן אוֹיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פֶעלְד קֶען מֶען גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ שְׁטִילֶע גַאס אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ט אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר.

טַייעֶרֶער ..., יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוערְט שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁמִירָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער - וֶוערְט גָאר שְׁוֶוער, עֶס וֶוערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, דִי גַאסְן וֶוערְן

זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת אוּן מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק קֶען מֶען פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען מוּז זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי קְדוּשָּׁה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַלֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם לִיגְט אַלֶעס, אוֹיבּ מֶען הִיט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן זֵייעֶר הֵיילִיג, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, כא): "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", טַייטְשְׁן זֵיי: "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה", וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען הֵיילִיג? אוּן וָואס דַארְף מֶען טוּן זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ וֶוערְן הֵיילִיג? "הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", עֶס לִיגְט אִין דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וֶועגְן; מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין גַאס, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַאלְן.

טַייעֶרֶער ... אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר, אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט נָאכְלָאזְן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּעִיקָר אִין זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): 'אַחֲרֵי לְבַבְכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'מִינוּת', אוּן 'אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת'; דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַאלְט אַרַיין אִין מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז פוּל מִיט מַחֲשָׁבוֹת פוּן סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, אָבֶּער דֶער וָואס הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק; וַוייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט - וֵוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ חַס וְשָׁלוֹם וֶוען עֶס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל - וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל זַיין מְקוּשָּׁר מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צוּרִיק מַאכְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶער שֶׁעֱנֶער פוּן אַמָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ט אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, נִישְׁטָא קַיין צָרָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם; אַז עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צֶעפַאלְן, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דִי אַמָאלִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶנְק רֶעדְן אִיז נִישְׁט וִוי אַמָאל, מֶען טוּט זִיךְ וֵויי, מֶען שְׁרֵייט וְכוּ'; אוֹיךְ פוּן דֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין.

נֶעכְטְן לַ"ג בָּעֹמֶר הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן ע, דַף קלד.), רֶבִּי אֶלְעָזָר פְרֶעגְט זַיין טַאטֶע: "אַבָּא", טַאטֶע, וָואס אִיז דִי עֵצָה מִיט אַן "אִתְּתָא בִּישָׁא"? "אָמַר לֵיהּ", הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי גֶעזָאגְט: "בְּרִי", מַיין קִינְד, "שִׁנּוּי מַעֲשֶׂה", מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט, מֶען הֵייבְּט אָן שֵׁיין רֶעדְן, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אֵיינֶער אִין צְוֵוייטְן - וֶוערְט אַלֶעס גוּט.

דֶערְפַאר, אַז עֶנְק וֶועלְן רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ, וֶועט צוּרִיק וֶוערְן עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת נָאךְ שֶׁעֱנֶער וִוי אַמָאל, אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן, רֶעדְט שֵׁיין; אוּן אַז אַייעֶר מַאן טוּט אַייךְ וֵויי, עֶר זָאגְט אַייךְ נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, זָאלְט אִיר אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן עֶר זָאל רֶעדְן שֵׁיין, וַוייל אִיר וֶוערְט וֵויי גֶעטוּן.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר זָאגְט בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר, קְרִיאַת שְׁמַע, אֲנִי מַאֲמִין, זָאלְט אִיר צוּלֵייגְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, בֶּעטְס: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט צֶעדְרִיקְן, אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועןְ, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן

פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ ווִי אִיךְ ווִיל, אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶעמֶען זַאכְן צוּם הַארְצְן, אוּן אַז מַיין מַאן עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט דִי טֶעלֶעפָאן וֶוען אִיךְ רוּף אִים - זָאל אִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן שְׁרֵייעֶן, בְּלָאזְן, סְטְרַאשֶׁען וְכוּ'.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז דוּ פִירְסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, נִישְׁטָא קַיין פַּאסִירוּנְג, אַלֶעס בִּיסְטוּ, אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אָמֵן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז אַז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי לָאזְט אִיבֶּער דִי גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פַארְן מַאן, אוּן טוּט וָואס אִיז קְלוּג אוּן וָואס הַאלְט דִי שְׁטוּב.

מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, מִיט רֶעדְן שֵׁיין אוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - וֶועט עֶנְקֶער שְׁטוּבּ צוּרִיק וֶוערְן אַזוֹי שֵׁיין ווִי דִי יוֹם הַחֲתוּנָה.

...

## בַּאצָאלְן דִי בֶּעט אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי חֲזָקָה פוּן הָאבְּן אַ בֶּעט אִין אוּמַאן בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן, בִּיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן הָאט מֶען דִי חֲזָקָה צוּ קֶענֶען נָאכְאַמָאל דִינְגֶען דִי בֶּעט; מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי זַאךְ הֱיוֹת עֶס זֶענֶען דָא פְּרִישֶׁע מְקוֹרָבִים וָואס ווִילְן אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן, זַיין מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוֹיךְ אִיז דָא וָואס ווִילְן נֶעמֶען נָאךְ אַ בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זִיבְּן יָאר; ווִיל אִיךְ דִיךְ דֶערְמַאנֶען, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זַיין מִיט אוּנְזֶער חַבּוּרָה - זָאלְסְטוּ בַּאצָאלְן דִי בֶּעט בִּיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט

לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", און עֶר פַארבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, עֶר הָאט שְׁוֶועדֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵויטָאג און יִסּוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהָבָא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים און אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", וַוייל עֶר לֶעבְּט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין און זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְקֶענְגְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינֶען, אַז דוּ ווִילְסְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קֶענְסְטוּ קוּמֶען; אָבֶּער דָאס ווָאס דוּ טְרַאכְסְט אַז אִין שְׁטֶעטְל גֵייסְטוּ וֶוערְן אַ מַלְאָךְ, און דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען גֵייעְן אַוֶועק פְּלִיעְן - דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאכְן קוּמֶען דָא וואוֹינֶען וֶועסְטוּ זִיךְ ווַייטֶער דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת און בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל וֶועסְטוּ דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת און מִיט דִי חִיזוּקִים; נִישְׁטָא קַיין גַארַאנְטִי, מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנַיי זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיט טוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן און זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין קִינְד וְכוּ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. דוּ וֵוייסְט אַוַדאי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רא), אַ סְגוּלָה פַּאר סִיזֶ׳ערְס וְכַדוֹמֶה אִיז גֶעבְּן צְדָקָה; זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַּארְן ׳רֶבִּינְ׳ס זַאךְ׳ דָאס אִיז פַאר ׳הַדְפָּסָה׳, צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים און דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, דִי בְּרִיוְון און קוּנְטְרֵסִים, וָואס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל, דֶעם רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים, נָאר מֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ פַּאר אוּנְזֶער דוֹר, אַז דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים זָאלְן פַארְשְׁטֵיין און קֶענֶען נִיצְן דִי עֵצוֹת; דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי חוֹלִי נוֹפֵל און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶעס גֵייט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה, אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כה, כ-כא): ״וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל״ וְגוֹ׳, ״וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי״ וְגוֹ׳, בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר), פוּן זַיין הֵיילִיגְן בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא, אַז מֶען

הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט גֶעלְט - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת; דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְעֶכְטְן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער חֲלִישׁוּת הַדַעַת - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֵיינֶעם גוֹרֵם גֶעוֶוען חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִיךְ פַארְשֶׁעמְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אוֹיבּ דוּ הָאסְט לֶעצְטְנְס עֶפֶּעס גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם אוּן יֶענֶעם פַארְשֶׁעמְט; וַוייל אַלֶעס גֵייט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע - פִירְט מֶען זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ (סוֹטָה ח:).

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם; וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה, מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ שִׂמְחָה, וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ בְּרֶעכְסְט אוּנְטֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה. קוּק דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַ"ש זָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת יד): "מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ

גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִּילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָה? שֶׁהַיִסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט ׳תּוֹדָה וְהוֹדָאָה׳, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אוֹיךְ אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער אוֹיף דִיר; וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים אוּן מֶען בַּאקוּמְט גַּדְלוּת הַמּוֹחִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הֶערְן נִגּוּנִים פוּן פְרַייעֶ זִינְגֶערְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעב אַכְטוּנְג פוּן הֶערְן נִיגּוּנִים פוּן דִי פְרֵייעֶ זִינְגֶערְס, דִי אִיזְרֶעלִישֶׁע מוּזִיק, עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק נִיבּוּל פֶּה, אֵיין שְׁטִיק גִּלּוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בִּין דִיךְ דַן לְכַף זְכוּת אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זֵייעֶר טָמֵא׳נֶע שְׁפְּרַאךְ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הֶעבְרֶעאִישׁ, דָאךְ אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - אִיז דָאס מְטַמֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וִויל דִיר אַזוֹי שְׁטַארְקְן מַאכְן אַ גוּטֶע חֲסִידִי׳שֶׁע עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אָבֶער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אָדֶער דוּ ווִילְסְט גֵיין מִיט אַ שְׁטְרַיימְל בֶּעקִיטְשֶׁע - אוּן זַיין פְרֵיי פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ בֶּעט דִיר וַוארְף אַוֶועק דִי טוּמְאָה, דִי פְרֵייעֶ נִיגוּנִים, דִי טְרֵיפָה׳נֶע בִּילְדֶער.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, שְׁרַייבּ מִיר וֶועלְכֶע לֶעבְּן דוּ ווִילְסְט, אִיךְ ווִיל דִיר מַאכְן אַ שִׁידוּךְ.

חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן אֵיידֶל, אַז דוּ זֶעסְט אַ בָּחוּר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן, הֶעלְף מִיר הַאלְטְן רֵיין דִי קְהִילָּה.

...

## לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועֶנען אוּן טוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ אַמָאל וֶוען מִיר פְלֶעגְן רֶעדְן, הַלְוַואי וָואלְטְן מִיר וַוייטֶער גֶעקֶענְט רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, גֵיי אַ

שְׁפַּאצִיר אָדֶער זִיץ פוּן אוּנְטֶער דַיין שְׁטוּב צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס, בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, וּבְעִקָּר עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן, גְּמִילוּת חֲסָדִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; וִוי נִישְׁט בִּיסְטוּ דָאךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ הָאסְטוּ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן בַּאקוּמֶען דָא, אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר.

...

## שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב), דֶער וָואס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה הָאט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת פַארְן לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען הָאט יִסּוּרִים קֶען מֶען זִיךְ מְנַחֵם זַיין אוּן זִיךְ מְחַיֵּ' זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן עֶס וֶועט בַּיים סוֹף זַיין גוּט, אוּן מֶען קוּמְט אַלֶעס אָפּ, אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אֱמוּנָה, וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה, אַ פְּרָאבְּלֶעם - הָאט מֶען נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, נִישְׁטָא צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, "וְהַכְּלָל, שֶׁעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אוּן אַלֶעס אִיז עֶר, דֶעמָאלְט אִיז דִי לֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע לֶעבְּן, אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה? דוּרְךְ הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט עֶס פַאר דִי אוֹיגְן.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ...

...

## נָאכְן דַאנְקֶען, זָאלְן עֶנְק וַוייטֶער דַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

מַזָּל טוֹב! מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין דִי נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידָל לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ עֶרְלִיכֶע נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, דַאנְקְט אִים פַאר אַלֶע חֲסָדִים, אוּן נָאכְן דַאנְקֶען זָאלְן עֶנְק וַוייטֶער דַאנְקֶען; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ב), דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה שׁוֹין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן, פוּן שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא.

...

## יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זַיין אַ שַׁמָּשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים אַלֶע זָאלְן הֶעלְפְן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; אָדֶער אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אִין שׁוּל, אָדֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ יָמִים טוֹבִים וְכַדּוֹמֶה.

עֶס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט בַּיי דִי לַ״ג בָּעֹמֶר מַעֲמָד צוּ זֶען אִין שׁוּל גוֹיִים טֵיילְן עֶסְן אוּן רֵיינִיגְן, פַארְוָואס זָאלְן עֶס נִישְׁט אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים מַאכְן?

פַאַרְוָואס זָאלְן דִי בָּחוּרִים נִישְׁט הָאבְּן דִי גֶעפִיל? אוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן - פַארְוָואס זָאל מֶען זֵיי נִישְׁט מַאכְן הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל? אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה, אַז בָּחוּרִים הֶעלְפְן, בָּחוּרִים טוּעֶן, בָּחוּרִים מַאכְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס אִיז אָדֶער אָדֶער, אָדֶער לֵייגְסְטוּ אַרַיין אַ גֶעפִיל אִין אַ בָּחוּר צוּ הֶעלְפְן, מֶען מַאכְט אִים אַ סַדְרָן, אַ גַבְּאַי, אַ שַׁמָּשׁ וְכוּ׳, דֶעמָאלְט נֶעמְט עֶר זַיין חַיוּת פוּן דֶעם, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט צוּגַארֶעטְלֶעךְ, מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּלָאז אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים אַ חַיוּת צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, טוּ מִיט זֵיי וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר, גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, נָאךְ פַאר דַיין בַּר מִצְוָה, ווִי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֶּעזֶעם אִין הַאנְט אוּן דִיר גֶעלֶערְנְט רֵיינִיגְן; פַארְוָואס נָאר הַבָּחוּר חַיִּים זַאנְוִויל, מִיט הַבָּחוּר אֱלִימֶלֶךְ נֵרוֹ יָאִיר, יוֹסֵף שְׁלֹמֹה אוּן אַבְרָהָם יִצְחָק? אַ שָׁאד אַז נִישְׁט אַלֶע הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְשַׁמֵּשׁ זַיין, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב, אַ מַעֲמָד - וֶוער דַארְף גוֹי׳אִישֶׁע וֶועיטֶערְס? עֶס גֵייט אַוֶועק דִי חֵן; וואוּ זֶענֶען אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם, אוּן זֶען אַז יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זַיין אַ שַׁמָּשׁ פַאר דִי קְהִילָה; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעזוּנְט אוּן אַזוֹי הֵיילִיג.

שִׁיק מִיר יֶעדְן טָאג אַ מֶעסֶעדְזְשׁ מִיט יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה.

...

## בְּרֶסְלֶב׳עֶ פְלֵייש

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**שְׁמוּאֵל לֵייבּ פֶעלְבֶּערְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

״זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה׳ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ״, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶס אִיז

דָא "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְלֵייש", עוֹפוֹת וָואס זֶענֶען גֶע'שָׁחְטְ'ן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע שׁוֹחֲטִים, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, אִינְגֶעלַייט וָואס פִירְן זִיךְ בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אִינְגֶעלַייט שׁוֹחֲטִים וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דֶעם חַלָף, דֶעם מֶעסֶער - נָאר נָאכְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט פַארְן טוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אַז דָאס זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען.

זַיי מוֹדִיעַ פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען קֶען שׁוֹין הָאבְּן "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְלֵייש", אוּן זִיךְ מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן רִיכְטִיג, עֶס זָאל זַיין אוּנְטֶער דִי קְהִילָה, אַזוֹי וֶועט זַיין סַיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, וַוייל אַלֶעס פוּן דִי קְהִילָה "קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" הָאט סִייַּעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, מוֹהֲרַא"שׁ פָּארֶעט זִיךְ פַאר דִי קְהִילָה, מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז דִי הַצְלָחָה אִיז שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ, דִי כֹּחַ פוּן צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אָמֵן.

...

**זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוּנְז - דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא - זָאגְן נִישְׁט פַאר אַ מֵיידְל: "רֶעד נִישְׁט מִיט אַ גֶעוִויסֶע מֵיידְל"; מִיר טָארְן דָאס נִישְׁט טוּן, מִכַּמָּה טַעֲמִים, אָבֶער עֶנְק עֶלְטֶערְן וָואס עֶנְק שְׁפִּירְן אַז דִי חַבֶרְ'טֶע אִיז נִישְׁט גוּט פַאר עֶנְקֶער טָאכְטֶער, זֶענֶען עֶנְק מְחוּיָּב צוּ טוּן וָואס עֶנְק קֶענֶען אָפְּצוּהַאקְן דִי שַׁיְיכוּת צְוִוישְׁן זֵיי; עֶלְטֶערְן דַארְפְן הַאלְטְן אַן אָפֶענֶעם אוֹיג אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֶען אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא.

עַל כֵּן זַייט גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעבְּט דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעפִיל פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי קִינְדֶער

זָאלְן הָאבְּן חֲבֵרִים אוּן חַבְרְ'טֶעס וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זַיי מֶער אִין שְׂטוּבּ, קוּם אַהֵיים פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיינַאכְט וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע, שְׁפִּיל אַ גֶעים מִיט זֵיי, עֶס מִיט זֵיי אֵייסֶעס, אֵייזְקְרִים, פַּאפְּקָארְן... זֶע עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׂטוּבּ.

וְעַל כּוּלָם, תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער, בֶּעט פַאר אַלֶע יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט בִּנְשִׁימָה אַחַת; עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן זָאגְט מֶען בִּנְשִׁימָה אַחַת, מֶען דַארְף פַאר יֶעדְן קִינְד בֶּעטְן בַּאזוּנְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט תְּמִימוּת, מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים...

...

## רֶעגִיסְטְרִירְן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער צוּ קֶענֶען גֵיין וֶועלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַייזִיק רָאטְה נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעזִיצְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אַ מִיטִינְג פוּן צְוֶועלְף בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער, מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן, אַלֶעס לְטוֹבַת דִי קְהִילָה, דָאס גוּטְס פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן; מִיטְן הֶעלְפְן דִי הַנְהָלָה מִיט וָואס זֵיי בֶּעטְן דִיר, וּבִפְרַט מִיטְן הֶעלְפְן רֶעגִיסְטְרִירְן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער אִין שְׁטֶעטְל צוּ קֶענֶען גֵיין וֶועלְן וֶוען עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס; דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי בְּהַעֲלֹתְךָ, פִּיסְקָא יא): "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב", אִיז בִּמְלוֹא מוּבָן הַמִּלָּה, אוּן דוּרְךְ גֵיין שְׁטִימֶען וְכוּ' - לָאזְן זֵיי אָטֶעמֶען וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם כַּךְ וְכַךְ זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען פַארְן יָאר, דָאס הֵייסְט, יֶעדֶע יָאר שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דִי עָמָל וִיגִיעָה פַארְן יָאר, 'זָכָה' - גֵייט עֶס פַאר גוּטֶע זַאכְן, עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ שְׁטֶעטְל, אַ חֵדֶר,

אַ בֵּית פֵיגָא, אַ כּוֹלֵל, אַ מִקְוֶה טַהֲרָה, אַ שׁוּל, אַ קֶעמְפּ, 'לֹא זָכָה' - גֵייט דִי עָמָל וִיגִיעָה לָרִיק, צוּם רוּחַ; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס זַיין פְּלָאג אוּן מִי גֵייט פַאְרן כְּלַל אוּן פַאר יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה.

...

## מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אָן קַיין אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נָאכְן זַיין אִיבֶּער אַ וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דִי מִיטִינְג וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט פָארִיגֶע וָואךְ בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, בִּיז הַאלְבּ דְרֵיי פַארְטָאגְס - אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, ווַייל אַז עֶס קֶען זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְז - אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְגֶען - אִיז דָאס עוֹלֶה עַל הַכֹּל.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט אֵיין וֶועג, אוּן נָאר אֵיין וֶועג - ווִי אַזוֹי עֶר קֶען צֶעבְּרֶעכְן אוּנְזֶער קְהִילָה, נָאר דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת, אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, ווַייטֶער בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, ווַייטֶער אִינְאֵיינֶעם מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ מֶען טוּט אַנְדֶערְשׁ ווִי מִיר ווִילְן, אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ' - וֶועלְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן דַיין מֵיינוּנְג; יֶעדֶע מָאל מֶען רוּפְט דִיךְ צוּ אַ מִיטִינְג זָאלְסְטוּ זָאגְן דַיין מֵיינוּנְג, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט טוּן ווִי אַזוֹי דוּ זָאגְסְט - זָאלְסְטוּ ווַייטֶער בְּלַייבְּן הֶעלְפְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט דַארְפְן אוֹיפְווִישְׁן דִי מִילְךְ וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעגָאסְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, טְרַאכְט פוּן רֶבִּי'ן, טְרַאכְט: 'אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט 'וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם', אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי 'דוֹר הַפְּלָגָה' וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד' (בְּרֵאשִׁית יא, ד); אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַזוֹיפִיל אִין דִי יָארְן וָואס אִיךְ בִּין דָא, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשׁ וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט

צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד - הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעלָאזְט; דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לְמַפְרֵעַ אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע נִישְׁט רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה, וַוייל ווִי אַזוֹי קֶען זִיךְ אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי׳ן צוּלִיבּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן...?

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אוּן יֶעצְט נָאכְן זִיךְ לָאזְן בֵּייגְן הָאבּ אִיךְ דִיךְ נָאךְ מֶער לִיבּ, מֵיין נִישְׁט אַז מִיךְ פָּאלְגְט מֶען אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג, דָאךְ בְּלַייבּ אִיךְ וַוייטֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּלַייבּ הֶעלְפְן דִי קְהִילָה, אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק לֵייגְן אַלֶע דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם.

...

## אִיבֶּערְזָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט סַבְלָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי פָּאסְטְן וָואס דֶער מְנַהֵל מָרְדְּכַי נֵרוֹ יָאִיר הָאט דִיר פָארְגֶעשְׁלָאגְן, צוּ קוּמֶען זַיין אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שְׁנַת תשפ״ז פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, ״כִּתָּה ט׳״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה, חֵן אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיט דִי תַּלְמִידִים.

דֶער סוֹד פוּן חִינוּךְ אִיז דָאס אִיבֶּערְזָאגְן אוּן אִיבֶּערְזָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט סַבְלָנוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שצא), אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיטְן קִינְד גֵייט לְאִבּוּד - דָאךְ וֶועט אַרַיינְגֵיין אֵיין טְרָאפּ פוּן דִי חִיזוּק אוּן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען חַזֶר׳ט, אוּן פוּן דֶעם וֶועט וֶוערְן שֵׁיינֶע זַאכְן; דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן אַ מְחַנֵּךְ, מֶען זָאל זַיין גְרֵייט צוּ אִיבֶּערְזָאגְן אוּן אִיבֶּערְזָאגְן מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט; דָאס וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, ווִיפִיל סַמָּנִים גִיסְט עֶר

אוֹיף אוּנְז אוּן אַלֶעס גֵייט לְאִבּוּד, דָאךְ גֵייט אַרַיין אַ טְרָאפּ דָא, אַ טְרָאפּ דָארְט; אַזוֹי דַארְפְן מִיר טוּן מִיט דִי קִינְדֶער.

שְׁכּחַ, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אוּן אִיךְ בִּין דִיךְ נִישְׁט מְרַחֵק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס.

אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא קַטְנוּת הַדַעַת, דוּ שְׁלָאגְסְט זִיךְ אַלֵיינְס, אַז אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, נַארִישֶׁע שְׁטוּתִים, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אִין אַ שֶׁקֶר, עֶס זֶעט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶע׳חַזֶר׳ט דִי לִיגְנְט אַזוֹיפִיל מָאל אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דָאס אִיז אֱמֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנ): ״יֵשׁ אֶחָד שֶׁשּׁוֹכֵב עַל מִטָּתוֹ״, אַמָאל אִיז דָא אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין בֶּעט, ״וּבוֹדֶה מִלִּבּוֹ דְּבַר שֶׁקֶר עַל חֲבֵרוֹ״, אוּן עֶר טְרַאכְט אוֹיס אַ לִיגְנְט אוֹיף זַיין חַבֵר, ״שֶׁחֲבֵרוֹ דִּבֵּר עָלָיו אוֹ עָשָׂה לוֹ שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן לְהַכְעִיסוֹ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה״, אַז זַיין חַבֵר הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן אִים אָדֶער גֶעטוּן עֶפֶּעס קֶעגְן אִים, ״וּמַתְחִיל לְהִתְרַגֵּז עַל זֶה וּבוֹעֵר כַּעֲסוֹ עַל חֲבֵרוֹ״, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען פוּן כַּעַס, ״וְנִתְמַלֵּא רֹגֶז עָלָיו חִנָּם עַל לֹא דָבָר״, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זַיין חַבֵר פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, ״כִּי הוּא בְּעַצְמוֹ חָשַׁב וּבָדָה זֹאת עַל חֲבֵרוֹ״, ווייל עֶר אַלֵיינְס הָאט דָאס אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, ״וּבֶאֱמֶת חֲבֵרוֹ נָקִי מִזֶּה לְגַמְרֵי״, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז זַיין חַבֵר רֵיין פוּן דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת, דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי נַארִישֶׁע שְׁטוּתִים אוּן זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְצֵייגְן אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן יֶעדֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, אוּן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע

מֵיינוּנְגֶען מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט דִיךְ נִישְׁט לִיב, און אַז מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען ווִיל דִיךְ מְרַחֵק זַיין.

בַּיי מִיר אִיז קְלָאר אַז אַלֶע זֶענֶען דִיר מַכִּיר טוֹבָה פַּאר אַלֶע טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, קֵיינֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט מְרַחֵק גֶעוֶוען, דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס זוכְט צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן דֶעם קֶענִיגְ'ס לַייט, ... נֵרוֹ יָאִיר הַאלְט מִיךְ כְּסֵדֶר פָּאר הֲיִתָּכֵן אִיךְ לָאז צוּ אַזוֹינְס, מֶען זָאל דִיךְ מְרַחֵק זַיין וְכוּ'; אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַזוֹי, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס וָואס דוּ שְׁלָאגְסְט דִיךְ אַלֵיינְס, דוּ חַזֶרְ'סְט דִי שֶׁקֶר בִּיז עֶס וֶוערְט אֱמֶת בַּיי דִיר...

...

## דִי יְסוֹד פוּן זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז 'שִׂמְחָה'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַּאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶער יְסוֹד פוּן זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז 'שִׂמְחָה', דֶער מְלַמֵּד זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, 'בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין'; אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם דֶער מְלַמֵּד אִיז אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין - קֶען זַיין סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, מֶען קֶען צֶעקְלַאפְּן דִי קִינְדֶער און זֵיי מַאכְן פַּאר בַּעֲלֵי מוּמִין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר אַ וָואךְ פַּאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען לֵיינְט ווִי דִי תּוֹרָה צֵיילְט דִי אִידְן, זָאגְט רַשִׁ"י (בַּמִּדְבָּר א, א): "מִתּוֹךְ חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה", פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער צֵיילְט עֶר אוּנְז שְׁטֶענְדִיג; וַוייל מַתַּן תּוֹרָה און קַבָּלַת הַתּוֹרָה קֶען נָאר זַיין פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט, נָאר אַזוֹי קֶענֶען דִי תַּלְמִידִים מְקַבֵּל זַיין.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן פוּן דִי פְרוּמֶע קְלִיפּוֹת, פוּן דֶער פְרוּמֶער שָׂטָן, וָואס מַאכְט דִיךְ 'זֵייעֶר עֶרְנְסְט', און מַאכְט דִיךְ זֶען נָאר חֶסְרוֹנוֹת, נִיץ דֶעם הֵיילִיגְן

רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי דִיר, אוּן בַּיי דִי קִינְדֶער; אוּן בּוֹי זַיי אוֹיף.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גְרֵייט צוּ הֶערְן - וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן...

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זָאלְן זִיךְ פִירְן רִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ טוּסְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר הַפָּצָה, דִי שֵׁיינֶע בְּלֶעטְל וְכוּ', אָבֶּער נָאךְ מֶער אִיז דִי שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל, דִי הַפָּצָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם שְׁטֶעטְל אִיז עוֹלֶה עַל הַכֹּל, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אַלֶע זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזוֹינְס וִוי דֶעם רֶבִּינְ'ס לַייט, דִי אֵיידְלְקֵייט אוּן מִידוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם - זֶעט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ, לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֶע אַז אִין שׁוּל זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְשֻׁנֶּה קֶרֶן, מוֹהַרַא"שׁ זָאגְט: "מְשֻׁנֶּה קֶרֶן חֲצִי נֶזֶק" (בָּבָא קַמָּא יד.); זֶע אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל, עֶס אִיז אַ חוּצְפָּה אַז מֶען רֶעדְט אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען; מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן אִין פָּאלִישׁ, אוֹיךְ זָאלְן אַלֶע קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיטְן הוּט אוּן רֶעקְל, נִישְׁט וִוי מֶען גֵייט טְשִׁילְן.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַן אֲסִיפָה מִיט דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ...., וָואס מֶען זָאל טוּן זוּמֶער מִיט דִי שׁוּל אוֹיבּ אַלֶע מִתְפַּלְּלִים קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן שׁוּל, אוֹיבּ מֶען זָאל דָאס פַארְשְׁפַּארְן, וַוייל עֶס קוּמֶען דָארְט שְׁכֵנִים וָואס מַאכְן פַּארְטִיס; נִישְׁט פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ...., אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דִי תְּפִלּוֹת בִּימוֹת הַחוֹל, מִנְחָה מַעֲרִיב - אִיז וִוי אַ גַן יְלָדִים, זָאלְסְט זֶען אוֹיבּ

עֶס אִיז וָואר; אָדֶער טוּישְׁט מֶען דִי וֶועג אָדֶער שְׁפַּאר עֶס אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל אַזַא זַאךְ...

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן נָאכְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, לְמָשָׁל דוּ זֶעסְט אֵיינֶער קוּמְט אִין שׁוּל מִיט זַיין טֶעבְּלֶעט אוּן שְׁטֵייט בַּיים בִּימָה וְכוּ', זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען מְעוֹרֵר זַיין מִיט דִי רִיכְטִיגֶע דִבּוּרִים, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, אוּן אוֹיבּ עִם כָּל זֶה וֶועט זִיךְ יֶענֶער בַּאלֵיידִיגְן - וָואס זָאלְן מִיר טוּן? מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן אַ שׁוּל, אַ שְׁטֶעטְל, אַ חֵדֶר - בְּהֶפְקֵרוּת.

...

## זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא, אִיז אַן אַחֲרָיוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיר שִׁיקְט מִיר מֶעסֶעדְזְשֶׁעס אָן אוֹיפְהֶער הֲיִתָּכֵן מֶען גֶעבְּט אַייךְ נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט אִין "בֵּית פֵּיגָא", אִיר זֶענְט פַארְוֵוייטָאגְט אוּן פוּל מִיט טַעֲנוֹת.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִיז אַן אַחֲרָיוּת, אוּן מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס וָואס דִי סְקוּל זָאגְט צוּ טוּן; מֶען קֶען נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט פָּאר - שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גוּטֶע תֵּירוּצִים; זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִיז נָאר אַז מֶען ווִיל, אוּן מֶען הָאט דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת; דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ'.

בֵּית פֵּיגָא אִיז מַיין טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ, יֶעדֶע רִיר פוּן בֵּית פֵּיגָא וֶוערְט גֶעטוּן נָאר נָאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע טִיטְשֶׁערְס, טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אַ קִינְד, טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען סֶענְסֶעטִיוְו פַאר קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף נִישְׁט טִיטְשֶׁערְס זָאלְן מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען חִינוּךְ, אִיךְ דַארְף טִיטְשֶׁערְס זָאלְן פָאלְגְן וָואס מֶען זָאגְט אוּן אוֹיסְהֶערְן דֶער מְנַהֵל אוּן דִי מְנַהֶלֶת, אַוַודַאי

קֶען מֶען זָאגְן מֵיינוּנְגֶען און דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען זֶעט, און אַז מֶען הַאלְט אַז זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט רִיכְטִיג), טוּן וָואס מֶען זָאגְט צוּ טוּן, נִישְׁט טוּן וָואס מֶען ווִיל און נָאכְדֶעם גֶעבְּן תֵּירוּצִים.

אַז אִיר ווִילְט זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵיגָא - זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט דֶער מְנַהֵל און דִי מְנַהֶלֶת, מִיר דַארְפְן נָאךְ טִיטְשֶׁערְס, מִיר זוּכְן גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס, און יֶעדֶע פְּרוֹי פוּן דִי קְהִילָה וָואס ווִיל קוּמֶען טִיטְשְׁן אִין בֵּית פֵיגָא - זָאל זִיךְ מֶעלְדְן, אָבֶּער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז מֶען ווִיל דִי זֶעלְבֶּע וָואס מִיר ווִילְן, און אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, מֶען הָאט לִיבּ צְנִיעוּת און מֶען עֶקְלְט זִיךְ פוּן דִי גַאס. אַ טִיטְשֶׁער דַארְף קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, נִישְׁט מִיט דִי לַאנְגֶע שְׁמַאטֶעס וָואס קֶערְט אוֹיס דִי עֶרְד, און נִישְׁט מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, וַוייסֶע שִׁיךְ, אַ טִיטְשֶׁער דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל אַז אָן רֶעדְן זָאלְן אִירֶע קְלֵיידֶער שׁוֹין לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי עֶס אִיז שֵׁיין צוּ גֵיין.

...

## נִישְׁטָא קֵיין פֶּערְצוּפַאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ וֶוערְסְט צֶעקְוֶועטְשְׁט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז לְטוֹבָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.), צְוֵויי חֲבֵרִים הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְווֵייטֶע לַאנְד, און אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, און דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזוּנְקֶען גֶעוָוארְן אִין וַואסֶער

מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר - אַז דוּ הָאסְט מִיר צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ פַארְפַּאסְט דִי שִׁיף אוּן גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִי", אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי פִּילְט אוּנְז אָן מִיט אֱמוּנָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אֲפִילוּ בַּיי דִיר הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט אַזוֹי גֶעעֶנְדִיגְט, זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן: **""אוֹדְךָ ה'", אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיז מִיר אַרִיבֶּער"**; גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, נִישְׁטָא קַיין פַּאסִירוּנְג, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## אַ מְנַהֵל דַארְף הָאבְּן אַחֲרָיוּת אוֹיף אַלֶעס אָרוּם דִי חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיךְ אוֹיפְן קָאךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; אִיךְ הֶער זָאגְן אַז מֶען צִינְדְט דָארְט אָן אִיזְרֶעלִישֶׁע מוּזִיק פוּן פְרֵייעֶ זִינְגֶערְס, אֵיין שְׁטִיק נִיבּוּל פֶּה, אוּן דָארְט קָאכְט מֶען עֶסְן פַאר אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ גֵייעֶן קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה הֶעלְפְן דָארְט; אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַזַא הֶפְקֵרוּת.

עַל כֵּן ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זַיין מְנַהֵל אוֹיפְן קָאךְ אוּן אוֹיפְן קֶעכֶער, זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועלְכֶע מוּזִיק מֶען צִינְדְט אָן, אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן אִין חֵדֶר בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אוֹיף

זַיי אַן עֵינָא פְּקִיחָא זַיי זָאלְן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ הָאבּ מוֹרָא עֶס וֶועט לֶעכֶער וְכוּ׳, וַוייל וֶוען דִי חֶדֶר פְלֶעגְט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען יֶעדֶע זַאךְ און גֶעשְׁמֶעקְט יֶעדֶע זַאךְ, און אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט זֶע אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין נִישְׁט דָארְט, ווִיל אִיךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם עֶס זָאל זַיין לֶעכֶער פַאר עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער אַחֲרָאִי פוּן יֶעדֶע זַאךְ, סַיי אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, סַיי אוֹיף דִי מְלַמְּדִים, אוֹיף דִי עוֹזְרִים, בָּאס דְרַייוֶוערְס, קֶעכֶער וְכוּ׳.

גֵיין אִינְדֶערְפְרִי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי נִישְׁט אִין חֶדֶר אָן הִתְבּוֹדְדוּת, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת - וֶועסְטוּ זַיין בִּגְדְלוּת הַמּוֹחִין, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה און כֹּחַ, חַס וְשָׁלוֹם אָן הִתְבּוֹדְדוּת קֶען זַיין סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם הַרְגֶ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער; פִיזִיש - מִיט שְׁלָאגְן, און גֵייסְטִיש - מִיט זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, חַס וְשָׁלוֹם, חַס וְשָׁלוֹם.

...

## זֶע צוּ עֶסְן לָאקְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס גֵייסְטוּ הַיינְט עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל? זֶע צוּ עֶסְן לָאקְשְׁן, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז הַיינְט ווִיל עֶר נִישְׁט עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל קַאשֶׁע, הַיינְט ווִיל עֶר לָאקְשְׁן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר מֵיינְט נִישְׁט דִי עֶסְן, עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט עֶסְן קַיין קַאשֶׁע, עֶר ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל לָאקְשְׁן, דָאס אִיז דִי וֶוערְטֶער 'לֹא-קָשִׁין' - "עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ בַּאשְׁטֶעלְן אַ פּוּשְׁקֶע לָאקְשְׁן, און אַז דוּ הָאסְט אִין שְׁטוּבּ קַאשֶׁע - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פֶעלְד אַוֶועק גִיסְן דִי

קַאשֶׁע, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ חַנְפְ'עֶנֶען, גֶעבּ אַ קוּק דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ט): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן; פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וַוארְף אַוֶועק דִי שְׁמוּצִיגֶע טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם גְרוֹיסְן טָאג, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה; אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן עֶפֶּעס וָואס לִיגְט מִיר אִין הַארְץ, אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אַוֶועק

וואַרְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן און טֶעבְּלֶעט אויף וָואס דוּ קוּקְסְט קְלִיפּס, סְטֶעטוּס וְכוּ' וְכוּ'; דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין שִׂמְחַת הַחַיִּים - וֶועט צוּרִיק קוּמֶען, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, און דוּרְךְ הֶערְן לֵיצָנוּת, נִיבּוּל פֶּה, פַאְרלִירְט מֶען דִי שִׁידוּךְ, מֶען פַאְרלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן שפז), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעפַאסְט אַז עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי וָואס עֶר הָאט לִיבּ, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף דִי שִׁידוּךְ, מֶען הָאט אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת מִיט זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט פַאְרוָואס עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי שִׁידוּךְ אויף וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן, "אָמַר הֶחָכָם", הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִפְּנֵי שֶׁאַתָּה צוֹפֶה בְּנָשִׁים", וַוייל דוּ קוּקְסְט אויף פְרוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר נִישְׁט נָאכְגֶעגֶעבְּן דַיין גֶעבֶּעט, "זֶה הַצַּעַר הַבָּא עָלֶיךָ בִּשְׁבִיל שֶׁהָיִיתָ צוֹפֶה בְּנָשִׁים, וְזִמֵּן לְךָ מַה שֶּׁלֹּא מָצְאָה חֵן בְּעֵינֶיךָ", דַיין גַאנְצֶע צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז וַוייל דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ, אָן קַיין חֵן.

אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעבְּלֶעט און סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' און דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין זִיס און גֶעשְׁמַאק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", אַז בְּרִית און אֱמוּנָה גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, און אַז מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - פַאְרלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה; מֶען קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן גֶעטְלִיכְקֵייט וֶוען דִי מֹחַ אִיז פַאְרשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, וַוייל וֶוען מֶען פַאְרשְׁמִירְט דִי אוֹיגְן - פַאְרלִירְט מֶען דִי מוֹחִין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף קי.): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד וֶוערְן דִי מוֹחִין מְקֻלְקָל, מֶען פַאְרלִירְט דִי מֹחַ, מֶען זֶעט מֶער נִישְׁט אֱלֹקוּת, מֶען שְׁפִּירְט מֶער נִישְׁט אֱלֹקוּת, אַלֶעס וֶוערְט פַאְרלָאשְׁן.

עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב, מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם

בַּארג סִינַי, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף אָוֶועק וַוארְפְן דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית טז:): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", וֶוען אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ מִיט אַ שֶׁרֶץ אִין הַאנְט, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן טָמֵא, נָאר אוֹיבּ עֶר לָאזְט אָפּ דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ - קֶען עֶר וֶוערְן טָהוֹר, אָבֶּער כָּל זְמַן עֶר הַאלְט אָן דֶעם שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין אַלֶע וַואסֶערְן, בְּלַייבְּט מֶען טָמֵא; בֶּעט אִיךְ דִיר, וַוארְף אָוֶועק דִי שְׁמוּצִיגֶע טֶעלֶעפָאן, מִי יוֹדֵעַ, וֶוער וֵוייסְט צִי אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ' - אִיז נִישְׁט וֶועגְן דֶעם וָואס דִי אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר רַחֲמָנָא לִצְלָן...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיינֶע עִיקָר תְּפִילוֹת זָאלְן זַיין אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַ"אשׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים, דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'" אִיז דֶער שֵׁם "חַתָּ"ךְ", דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה; וַוייל שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

דַיינֶע עִיקָר תְּפִלּוֹת זָאלְן זַיין אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, אִין דֶעם אִיז תָּלוּי אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז תָּלוּי אִין שִׂמְחָה, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ.

מֵיין נִישְׁט אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ גְרִינְגֶע עֲבוֹדָה, עֶס אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן אוּן טוּן סִיגוּפִים - וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוייל דִי נַאטוּר אִיז - צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט

אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, און דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרָאפּ אִין דַאֲגוֹת און אִין מָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד):
"כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן וָואס מַאכְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט און צוּגֶעלֵייגְט, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", און מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען - אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

בֶּעט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג; שְׁנַייד אוֹיס פוּנֶעם בְּרִיוו דִי תְּפִלָּה און נֶעם עֶס מִיט מִיט דִיר, און בֶּעט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן צוּ טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת; אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר און נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקַייט און פוֹילְקַייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...